יחיאל פיינער

# פראלעט=קונסט

(עסיי)

פאלשע אויגען-גלאצער האבען אויסגעטראכט דעם דאזיגען נאמען; פאנאטיקער האבען איהם ווי א קמיע אויפ'ן האלז אנגעהאנגען, און ווי א גאלדענע חופה האבען איהם טאלאנטלאזיגקייטען אויסגעשפרייט איבער זיך און געפראוועט אונטער זיין שאטען דעם שווארצען באל פון גראפאמאניע...

קונסט — איז ריין; איז קדושה; איז נישט סובל לאפסוסען, שמשים, פאר-ווערטער און נאך-ווערטער.

קונסט — איז פריי פון רעמלעך און ארנאמענטיק. זי איז די בליציגע פייל פון געניטען דיכטערישען אויג געציעלט ערגעץ אין ווייסער לופט אריין; אין אומבעקאנטע האריזאנטען.

מעג דער דיכטער זיין רעוואלוציאנער; פראלעטאריער, מעגען אפילו זיינע סוזשעטען זיין סאציאל-פרעטענציאנעלע: קוים געהט ער ארויף אויף די שטאפלען פון אמת'ן שאפען, רעוואלטירט די קונסט איבער דעם חומר פון סוזשעט, ווייל אמת'ע קונסט, הייסט — בעפרייאונג פון שטאף.

דיכטונג — איז ווי א ברויזענדער ים וואס שטורעמט און ברעכט אין זיין ווילדען לויף אלץ, וואס פערמעסט זיך איהר צו פארמען אדער בעשיינען מיט גלעקלעך און קלימפערלעך...

ווען ס'צינדט זיך די נשמה פון דיכטער אין דעם בראנדיגען פלאם פון מרידה אדער אומרוה: מעג זיין אז סאציאלע אדער אנדערע אויפרייס-שטאפען האבען איהם ארויפגעשאסען אין לופטיקע הויכען — ווער אבער וועט זיך בענארישען און נאכשרייען דעם דיכטער אין זיין כוואליענדיגען פליה צו וואלקענדיגע הויכען: — העי! דו ביסט פון אונזער מחנה געפלויגען, אנדערע טארען דיך נישט זעהען און דו טארסט אנדערע נישט זעהען"!

ווער, אויב נישט א כעלעכער פילאזאף פערשפארט די לבנה אין א פאס וואסער, דערפאר ווייל זי געפינט זיך פונקט אויפ'ן שוהל-הויף...

ווער, אויב נישט א קארליק-קאפ וועט ווייזען מיט'ן פינגער צום דיכטער, בש.ת ער שוועבט אין זונענדיגע הייכען איבער ים'ן און אין-סוף'ן — ער זאל פערקנעפלען די פארביגע קורטקע, וועלכע האט אויפגעפלאצט אין די אייזעלע אטמאספער פון קינסטלערישען התעלות...

אין אנהויב איז געווען דאס ווארט!...
דאס ריינע ווארט!...
די קונסט!...

און אויב מיר ווילען אנטקעגען איר רעוואלטירען איז דאס גלייך צו די מרידה פון פראמעטעאוס וואס ראבען פיקען זיין אנטבלויזטען קאפ אויפ'ן מיטאלאגישען אייז-בארג-שפיץ און שטעהט פון ווייטען און לאכט...

— איז טאקע יעסענין, דער שטיל-כיסטיקער; דער אימאזשיניסט — נישט דער אמת'ער פאעט פון רוסישען פאלק, נאר רוקא מאיאקאווסקי?!

איז דען נישט גארקי אריגינעל-קינסטלערישער אין זיין איינזאמקייט; אין זיין מענשליכען געטריי זיין — ווי להבדיל ווען ער הויבט אן פארבען סאציאלע טענדענצען?!

אין אהויב איז געווען דאס ווארט!...
דאס ריינע ווארט!...
די קונסט!...

שלמה אייכענהאלץ

# רבי עקיבה

(פונ'ם ציקל: עשרה הרוגי מלכות)

דער אויפשטאנד איז דערשטיקט, בר כוכבא איז שוין טויט
דער לעצטער שטראהל יהודה'ס דונקעלט און פערגעהט!
די לעצטע פעסטונג ביתר געשטירצט, אין בלוט דערטרונקען;
עס ליגט דאס הייליגע לאנד צום דעספאט'ס פיס געזונקען.

עס טראגט דער רומישער אדלער פערוויסטונג, טויט און בראנד
ביי מוטיגסטע ארויסגעפאלען די שווערד פון האנד.
שוואכע און אויך שטארקע לויפען זיך בעהאלטען
אין וועלדער, אין היילען, אין פעלזען-שפאלטען.

עס בלייבט נור רבי עקיבא — איינער אויף דעם פעלד
עס לויפט ניט פאר דעם פיינד דער אלטער תנא-העלד.
ס קומט דער פיינד און נעהמט דעם גרייז געפאנגען;
עס הייסט דער רשע רופוס זיין לייב רייסען מיט צוואנגען.

דאך רוהיג קוקט דער גרייז ביים תלין אין די הענט;
און אלץ ווילדער דעם זיגער'ס כעס ברענט.
„די ערגסטע שווערסטע מיתה!" — איז דער רשע גוזר -
„יהודה'ס גרעסטען מאן זאל זיין דער סוף וואס גרויזאמער!"

דאך מונטער קוקט דער גרייז; מען רייסט מיט אייזערנע
צוואנגען איהם
קיין איינציג ווארט ארויס, קיין קרעכץ, קיין זיפץ, קיין קרים.
און ווילד און ווילדער אלץ, פון בלוט און נקמה שכור
דער תלין רייסט זיין לייב, פליקט אויף שטיקער.

דאך פרעהליך קוקט דער גרייז און שטראלט מיט גליק ער שיינט
דער תלין בלייבט ערשטוינט, נשתומם בלייבט דער פיינט.
דער רשע רופוס קוקט איהם אן דערשראקען
דעם בלוטענד-שטראלענדען וואונדער-זקן.

ווער ביזטו, זאג, ווער ביזטו דו שטאלצער זקן רעד?
צי ביזטו א מכשף, א רוח, צי א שד?
— — — — — — —

מיט א מילד-ענטציקענדער, הימליש-העלער מינע,
געלייטערט אין דעם וועלט-וצער, לויכטענד, ווי די שכינה,
דער תנא טהוט א בליק, אן ווי א הייליגע שיין
עס גיסט זיך שטיל זיין ווארט אינם וועלט-חלל אריין:

„א שווארצע כשוף, רופוס, — שווארצע שדים, טומאה
געפינסטו ניט אין מיר, ניט אין מיין אומה!
„עס גליהט אין מיר דער וואונש, עס פלאמט אין מיר
דאס שטרעבען
אין קדושה פאר ג—ט מיין נפש אפצוגעבען.

„איך האב אויף העם געוי-ארט א גאנצען לעבען לאנג
געטרוימט פון די יעצטיגע שעה, ליעב איז מיר תלין
און צוואנג
יעצט איז זי געקומען, ערפילט ווערט מיין פערלאנג באלד
געבענשט זיי דו ג-ט. — ה' אלקינו ה' אחד.
— — — — — — —

און א בת-קול האט אבגעקלונגען:
מיין הייליגען עקיבא געפייניגט, אויף קדוש השם געפאנגען
זיין נשמה בטהרה איז גלייך אין גן-עדן אויפגעגאנגען.